מרדכי ליפשיץ

# קום אראָפּ צום ברעג פון ים

קום אראָפּ צום ברעג פון ים,
מירן עפּעס ריידן.
ס'פעלט מיר אוים צו גליק א גראַם,
וועלן זוכן ביידע.

כ'האָב אויף דיר געווארט און דו
ביסט געווען פארנומען.
פעלט מיר נאָך א גראַם צו „רו",
ווייל — ביסט ניט געקומען.

# איך בין גרייט

פארמשפּט אויף וואָגל, ווי קין געלאָפן,
פאר מענטשן און גאָט א געשפּעט.
אויף וועם זיך פארלאָזן? אויף וואָס נאָך צו האָפן
אין דער פרעמד פון אלטאיסקע שטעט?
צערינט דאָ מיין יוגנט, די יאָרן פארגייען
אין הארץ פונעם קאלטן סיביר.
אין זילבערנעם מדבר, אין ווייסקייט פון שנייען
וואָס האָסטו נאָך, גורל, פאר מיר?
דו האָסט איבער מיר דיין טרויער צעשפּרייט.
איך פרעג ניט: פארוואָס? דערלאַנג! איך בין גרייט!

# און איצט איז נאכט

די זון פארגייענדיק האָט נעכטן אָנגעזאָגט א מאָרגן א באשטראַלטן,
און איצט איז נאכט, איך ליג און ווארט און ס'ווילט זיך מיר ניט גלויבן,
אז ס'וועט נאָך ווערן טאָג. די זון האָט ערגעץ זיך באהאַלטן,
און ס'דריקט געדיכטער חושך מיך פונויגטן און פונויבן.
אזא מין לאַנגע, שווארצע נאכט כ'האָב קיינמאָל ניט געזען!
קיין ברעקל ליכט, קיין פינטל שטערן, קיין שטיקל שאָטן!
איך האָב זיך אין דער פינצטער שיעור ניט אליין צעטראָטן.
אזויפיל חושך איז נאָך קיינמאָל ניט געווען!
איך ליג און הער, ווי ס'קלאַפּט מיין הארץ מיט שרעקלעכע טיק-טאַקן,
עס רייסט און שפּארט זיך פון מיין ברוסט און ערגעץ וויל עס שוועבן,
ס'איז שווידערלעך צו שטארבן ביי דער שוועל פון לעבן,
ווען באלד קען אויפשטראַלן די זון, און ווארעמען, און באקן.

„און גאַנג" – רוים, 1948, נ'ומער: 11-12